# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת תולדות | שנת תשע"ב לפ"ק


## מילי דחסידותא

**ראה ריח בני כריח שדה אשר ברכו ה':** אין מדרש שטייט **וירח את ריח בוגדיו כגון יוסף בן משיתא ויקום איש צרורות שעשו תשובה במסירות נפש**, יצחק האט געשמעקט דעם ריח פון די פושעי ישראל וואס האבן תשובה געטון.

דער **ייטב לב** זי"ע טוט ערקלערן דעם מדרש לויט דעם וואס די וועלט דערציילט א מעשה וואס איז געווען מיט א איד א באקאנטער גנב וואס האט געטון פארשידענע עבירות ביז מען האט אים געכאפט און מען האט אים פאר'משפט צום טויט, נאר מען האט אים געגעבן א ברירה זיך צו שמד'ן ר"ל וועט ער בלייבן לעבן, דער איד האט נישט געוואלט הערן דערפון האט ער זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש ה'. איז דארט געשטאנען א ערליכע אידענע האט זי זיך אנגערופן "רבונו של עולם, מיר האבן נישט קיין טענות אויף דיר, אבער דו קענסט אויך נישט האבן קיין טענות אונאה אויף אונז מיט דעם וואס דו האסט אונז אויסגעוועלט אלס פאלק, גיב א קוק אן דעם מענטש, א ביליגער מענטש א גנב, דאך האט ער זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש ה' עכ"ד.

דאס האט יצחק אבינו געזאגט **וירח את ריח בגדיו שאמר אל תקרי בגדיו אלא בוגדיו**, דאס מיינט אז אפי' ווען ער איז א בוגד ער פעלטשט אין אייבערשטן איז דאס נאר אויסערליך אין נישט אינערליך, ווייל אינערליך איז יעדער איד פול מיט מסירות נפש פארן אייבערשטן, אזוי ווי יוסף משיתא.

וועגן דעם האט אים יצחק געזאגט **ראה ריח בני** אפי' די וואס זענען נישט ערליך, פארט איז נישט דא קיין **טענת אונאה**, ווייל **כריח שדה** ווי די הלכה איז **אין אונאה לקרקעות** (שלמדנו במס' קידושין דף מ"ב ע"ב) וואס דער טעם דערפון איז ווייל די ערד שטייט אייביג, און אפי' אויב היינט איז דאס נאכנישט ווערד די פרייז וועט דאס שפעטער ווערד זיין, אזוי איז אויך א אידיש קינד, אפי' היינט איז ער נישט ווערד צופיל ער זעט אויס ווי א רשע, וועט מען אבער שפעטער איינזעהן ווי ער איז כולו קודש לה'.

## דרש דרש

**ואת עורות גדיי העזים:** די גמרא (חולין דף ק"ד ע"ב) לערנט ארויס אז איבעראל וואו עס שטייט אין די תורה דאס ווארט **גדי**, מיינט דאס נישט דוקא א ציגעלע, נאר אפי' א קו און א שאף אויך. און מ'לערנט דאס ארויס פון דעם פסוק **ואת עורות גדיי העזים**, וויבאלד דער פסוק זאגט דא ביידע **גדיי העזים**, איז געדרונגען אז וואו עס שטייט סתם גדי מיינט נישט דוקא א ציג, נאר אויך א קו און א שאף.

קומט אויס אז דער איסור פון בשר בחלב וואס מ'לערנט ארויס פונעם פסוק **לא תבשל גדי בחלב אמו**, מיינט אויך אלע בהמות זענען אסור צו עסן מיט מילך.

לכאורה דארף מען פארשטיין וואס פארא שייכות האט די ציגעלע פון רבקה, צום איסור פון בשר בחלב?

ענטפערט דער **אוסטראווצער גאון זצ"ל** בדרך חידוד, ווייל רש"י זאגט אז די 2 ציגעלעך איז געווען פאר **קרבן פסח** און **חגיגה**. לכאורה אין יענע צייט ווען אר"י האט נאכנישט באלאנגט פאר די אבות האט מען נישט געהאט קיין קרקע אין אר"י, און ווער ס'האט נישט קיין קרקע איז פטור פון קרבן פסח? (עי' תוס' פסחים דף ג' ע"ב ד"ה מאליה). מוז איך זאגן אז אברהם אבינו האט קונה געווען דאס לאנד מיט **קנין חזקה**, ווייל דער אייבערשטער האט אים געזאגט **קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה**, ממילא האבן שוין די אבות יא געהאט קרקע אין אר"י.

אויב אזוי ווערט אבער שווער פארוואס זענען אידן ארויס פון מצרים פאר די צייט. ווייל בפשטות ווייסן מיר אז מ'רעכענט די 400 יאר פון לידת יצחק, ווייל פון דעמאלטס אן זענען שוין די אבות געווען **גרים בארץ לא להם**, אבער אויב זאג איך **אר"י מוחזקת לאבותינו**, און עס האט שוין באלאנגט פאר די אבות, ווערט שווער פארוואס מ'איז ארויס פון מצרים פאר די צייט?

מוז איך זאגן א אנדערע תירוץ אז אידן זענען ארויס פון מצרים פאר די צייט, ווייל דער רבש"ע און די מלאכים זענען אויך געווען אין מצרים, ווי ס'שטייט אין פסוק **אנכי ארד עמך מצרים**, און זיי האבן צוגעהאלפן צו ענדיגן אין 210 יאר די ארבעט פון 400 יאר.

אבער אזוי ווערט ווידער שווער פארוואס האבן די מלאכים נישט באקומען די תורה? ווייל די גמ' זאגט אז ווען די מלאכים האבן געבעטן די תורה, האט משה רבינו זיי געפרעגט "ווי אזוי ווילט עטס די תורה, וואו ס'שטייט **אשר הוצאתיך מארץ מצרים**, עטס זענט דאך נישט געווען אין מצרים, אבער לויט דעם תירוץ זענען דאך די מלאכים יא געווען אין מצרים, פארוואס האבן זיי נישט באקומען די תורה?

מוז איך ענטפערן א צווייטע תירוץ פארוואס די מלאכים האבן נישט באקומען די תורה, ווייל זיי האבן געגעסן בשר בחלב ביי אברהם אבינו אין שטוב.

איי, די מלאכים האבן דאך געגעסן א בן בקר, און ביי בשר בחלב שטייט נאר **גדי**, איז דאס דאך נישט אסור, מוז איך זאגן אז בשר **בקר** איז אויך אסור, ווייל איך לערן ארויס פון **ואת עורות גדיי העזים אפילו פרה ורחל במשמע**.

דאס זאגט די גמ', ווייל רבקה האט געזאגט גדיי העזים, אז מ'דארף א קרבן פסח, מוז דאך זיין אז **אר"י מוחזקת מאבותינו**, מוז איך זאגן אז אידן זענען ארויס פון מצרים פאר די צייט ווייל השי"ת מיט די מלאכים האבן אויך געארבעט אין מצרים. איי, פארוואס האבן די מלאכים נישט באקומען די תורה? ווייל זיי האבן געגעסן **בשר בחלב**, און בן בקר איז אויך אסור, און דאס לערן איך טאקע ארויס פון רבקה וואס האט געזאגט **גדיי העזים**.

## מילי דרמיזא

מובא **בביאור הגר"א** (או"ח סי' תקפ"ג) בשם הזוהר הק' שיצחק קרא לעשו בראש השנה, ובקש ממנו **עשה לי מטעמים**, ובו ביום ברך יצחק את יעקב, ובעשרת ימי תשובה ברח יעקב מפחד עשו אחיו.

ומהאי טעמא נוהגין לאכול תפוח בליל ראש השנה, כי בו ביום אמר לו יצחק **ראה ריח בני כריח שדה אשר ברכו ה'**, ובמס' תענית (דף כ"ט ע"ב) איתא כריח שדה היינו שדה תפוחים.

## בפרדס הפרשה

ידיעות וענינים השייכים לפרשת השבוע

### ויתן לך

**ויתן לך האלקים מטל השמים:** מוצאי שבת קודש זאגט מען "ויתן לך" פארוואס?

דער **זוהר הק'** (בראשית) שרייבט אז מ'זאל דאס זאגן ווייל דאס זענען פסוקים וואס זענען מסוגל צו ברכה והצלחה, און איז א גוטער סימן צום אנהייב וואך, אז מען זאל געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס מ'טוט.

דער הייליגער **רבי ר' יצחק מאיר פון גאסטינין זי"ע** זאגט דעם טעם ווייל אזוי ווי ביי די ברכות פון יעקב אבינו שטייט אז ווי נאר יעקב אבינו איז ארויסגעגאנגען מיט די ברכות איז עשו אנגעקומען, און ער האט געוואלט קאליע מאכן די ברכות, אזוי ווייט אז יצחק אבינו האט געמוזט איבערזאגן "גם ברוך יהיה", די זעלבע איז מוצש"ק ווען א איד גייט ארויס פונעם עונג שבת, ווען ער האט נהנה געווען מזיו השכינה, וויל עשו - דאס מיינט מען די כוחות הטומאה - קומען שעדיגן די ברכה, דעריבער זאגט מען "ויתן לך" וואס דאס איז א באזונדערע ברכה אויף מוצש"ק אז די סט"א זאל נישט האבן קיין שליטה.

אין **ליקוטי מהרי"ח** שטייט ווייל דער מג"א זאגט אז די 2 מלאכים וואס באגלייטן א איד פרייטאג צונאכטס, גייען נישט אוועק ביז מוצש"ק, און דער מטה משה שרייבט אז\דער מלאך רע איז נישט קיין אנדערע ווי דער שר של עשו, און מיר געפונען ביי יעקב אבינו אז ער האט נישט געוואלט לאזן דעם שר של עשו צוריקגיין צו זיין ארט ביז ווען ער וועט אים מודה זיין אויף די ברכות פון יצחק, דעריבער איידער דער שר של עשו גייט צוריק זאגן מיר איבער די ברכות, אז ער זאל מסכים זיין דערויף.

די פסוקים וואס מען זאגט ביי ויתן לך זענען צוזאמענגעשטעלט פון די ברכות וואס יצחק אבינו האט געגעבן פאר יעקב אבינו, און פון די ברכות וואס שטייט אין פר' כי תבא און פר' ויחי. אבער דער סדר פון די ברכות זענען אנדערש ווי עס שטייט אין פסוק, וואס דארט קומט פריער די ברכות אויף די קינדער, און נאכדעם איבער פרנסה, און ביי ויתן לך זאגט מען פריער די ברכות פון פרנסה. זאגט דער **ספר החיים** (מאחי המהר"ל מפראג זי"ע) ווייל אין גלות איז זייער שווער דער מצב פון פרנסה, וואס אידן ליידן זייער שטארק דערפון האט מען מתקן געווען אז מען זאל פריער זאגן די פסוקים.

אין ספר **סגולות ישראל** ברענגט ער בשם **הרה"ק רבי ר' מענדעלע רימאנובער זי"ע** אז מען זאל זאגן 'ויתן לך' אינאיינעם מיט א צווייטן איד, וואס דאן איז דאס מסוגל צו פרנסה.

דער **ווייצענער רב זצ"ל** ברענגט אין זיין חיבור **אגרא דצבי** א סמך צו די ווערטער פונעם רבי'ן ר' מענדל'ע זי"ע לויט דעם וואס דער בני יששכר זי"ע שרייבט אין אגרא דפרקא אז ווען מען לייענט די תוכחה זאל דער בעל קורא מקפיד זיין אז קיינער זאל נישט שטיין נעבן אים אדער קעגן אים, כדי די תוכחה זאל ח"ו נישט ארויפגיין אויף דעם מענטש, איז דאך דער כלל אז מדה טובה מרובה ממדת פורעניות, מילא ווען מען זאגט די ברכות פון "ויתן לך" זאגט מען דאס אינאיינעם מיט נאך א איד, אזוי וועלן די ברכות ארויפגיין פון איינעם אויפן צווייטן.

אין **אשל אברהם** (סי' רח"צ) ווערט געברענגט אז עס איז דער מנהג העולם נישט צו זאגן ויתן לך אין ביהמ"ד איידער מען האט געמאכט די ברכה "בורא מאורי האש", ווייל עס איז נישט ריכטיג הנאה צו האבן פון די ליכט מוצש"ק איידער מען האט געמאכט די ברכה, דער שערי תשובה זאגט אבער קלאר אז אויב האט מען געזאגט המבדיל בין אור לחושך אפי' מען האט נאך נישט געמאכט הבדלה איז נישטא קיין שום ענין מחמיר צו זיין.

ביי **ויתן לך** זאגט מען אויך די מימרא פון די גמרא (מגילה דף ל"א) אמר רבי יוחנן כל מקום שאתה מוצא גדולתו של הקב"ה וכו', דער **יעב"ץ** שרייבט דעם טעם אז דאס איז א רמז פאר א בעל תשובה אז ער זאל זיך נישט מייאש זיין ווייל דער אייבערשטער נעמט אן די תשובה פון איינער וואס טוט תשובה מיט א צובראכן הארץ, און מ'ענדיגט צו מיטן זאגן "שיר המעלות אשרי כל ירא ה'" וואס דאס טוט אנווארענען די מענטשן שוין אנהויב וואך אז זיי זאלן עוסק זיין אין משא ומתן באמונה, ווי עס שטייט "יגיע כפיך כי תאכל ולא מן הגניבה ולא מן הגזל".

## מילי דשמעתתא

ענינים מפרשת השבוע שלמדנו במס' קידושין פרק האיש מקדש

### אין שוחטין את הפסח על היחיד

מיר האבן געלערנט אין די גמרא (קידושין דף מ"ב ע"א) **אין שוחטין את הפסח על היחיד**, איז לכאורה שווער, רש"י (בפרשתן) זאגט אז די גדיי העזים וואס יעקב האט געברענגט פאר יצחק, אז ער זאל אים בענטשן, איז געווען א קרבן פסח, עס שטייט **ויגש לו ויאכל** וואס דאס מיינט אז דייקא יצחק האט געגעסן פון דעם קרבן. איז לכאורה שווער ווי אזוי האט ער דאס געשחט'ן לכתחילה פאר יצחק, מיר פסק'ענען דאך אין שוחטין את הפסח על היחיד?.

אין **ייטב פנים** (לשבה"ג אות כ"ה) ענטפערט ער דערויף עטליכע שיינע תירוצים.

קודם קען זיין אז די גאנצע זאך אז אין שוחטין את הפסח על היחיד איז נאר לכתחילה, אבער בדיעבד האלט רבי יהודה אויך אז מען מעג שחט'ן. אדער קען זיין אז דער פרקי דרבי אליעזר וואס זאגט אז די גדי איז געווען א קרבן פסח, קריגט מיט ר' יודא וואס האלט אין שוחטין את הפסח על היחיד, און ער האלט אז מ'מעג יא שחט'ן על היחיד.

ווידער זאגט דער **ייטב פנים** אז דער טעם פארוואס אין שוחטין את הפסח על היחיד איז ווייל מ'דארף אינזינען האבן אלע כוונות, און איין מענטש קען נישט אינזין האבן אלע כוונות, משא"כ ווען עס עסט א ציבור אינאיינעם וועלן זיי שוין אינזינען האבן די נויטיגע כוונות. אבער דאס איז אוודאי נישט געזאגט געווארן אויף יצחק אבינו ווארס ער האט זיכער געקענט אליין מכוין זיין אלע כוונות.

דער **מרכבת המשנה** זאגט א תירוץ אז די מצוה פון קרבן פסח איז א עשה, און נותר איז א לא תעשה, און דער טעם פארוואס אין שוחטין את הפסח על היחיד איז ווייל מ'קען נישט אויפעסן דעם גאנצן קרבן פסח אליין אויפאיינמאל, און אפילו ס'איז דא וואס קענען יא, טאר דאס נישט זיין קיין אכילה גסה, ממילא וועט דאס דאך מוזן איבערבלייבן וועט דאס קומען צו נותר, וועגן דעם דארף מען דאס עסן מיט אסאך מענטשן, אבער דא האט יצחק נישט געקענט האבן א חבורה, איז געקומען די עשה פון קרבן פסח און דוחה געווען די ל"ת פון נותר, ממילא האט ער דאס געקענט עסן אליין.

## ידוע תדע

מטרתו להרחיב ידיעות התלמידים בעניני הלכה ומנהג

איינע פון די נייע בגדים וואס יעדער בר מצוה בחור טוט אן, איז א הוט, וואס מ'טוט אן אויפן קאפל צוצודעקן דעם קאפ. וואס איז דער טעם פון דעם לבוש אנצוטון א הוט אויפן קאפל?

דער יסוד פון יעדן אידישן לבוש איז צו גיין אנגעטון פארקערט ווי א גוי. דער רמב"ם שרייבט (הל' עבודת כוכבים פרק י"א) **אין הולכין בחוקות העובדי כוכבים ולא מתדמין להם, לא במלבוש ולא בשער אלא יהיה הישראל מובדל מהם, וידוע במלבושו ובשאר מעשיו כמו שהוא מובדל מהם במדעו ובדיעותיו, ולא ילבש במלבוש המיוחד להם.** ע"כ.

עס ווערט דערציילט אז אמאל איז **הרה"ק רבי צבי הירש מסאקאלוב בעמה"ס אמרת הצרופה** געקומען צו פארן צו **הרה"ק רבי מענדלע מרימנוב זי"ע** אויף שבת פר' תולדות, און ער האט אים מכבד געווען צו זאגן תורה. האט ער זיך געשטעלט אויף דעם וואס עס שטייט אין פסוק אז רבקה האט גענומען די קליידער פון עשו **בנה הגדול**, און אנגעטון פאר יעקב **בנה הקטן**, וואס פעלט אויס דא צו דערמאנען אז עשו איז געווען דער בן הגדול און יעקב דער בן הקטן?

נאר לכאורה דארף מען פארשטיין, עשו איז דאך אוודאי געגאנגען אנגעטון מיט גוי'אישע קליידער, און יעקב איז געגאנגען אוודאי אנגעטון ווי חסידים ואנשי מעשה, ווי אזוי האט יעקב מסכים געווען אנצוטון די קליידער פון עשו? **עס איז דאך כדאי מ'זאל נישט האבן די אלע ברכות, ווי איידער מ'זאל גיין איין רגע מיט די גוי'אישע קליידער**?! וועגן דעם זאגט די תורה אז עשו איז געווען א גרויסער בריה, און יעקב א קליינער, אזוי אז די קורצע קליידער פון עשו זענען געווען לאנגע קליידער פאר יעקב.

ביי די גוים איז איינגעפירט אז ווען מ'גייט צו א חשוב'ן מענטש ווי א מלך וכדומה, טוט מען אויס דעם הוט, ביי אידן איז פונקט פארקערט, דער הוט איז א סימן פון הכנעה און ערליכקייט, וועגן דעם טוען ערליכע אידן אן א הוט ביי יעדע מצוה, און ביי יעדע ברכה.

די גמרא זאגט (שבת קנ"ו ע"ב) **כסי ראשיך כי היכי דלהוי עלך אימתא דשמיא**, דאס צודעקן דעם קאפ ברענגט יראת שמים. און אין שו"ע (או"ח סי' א') איז דאס אן הלכה פסוקה אז מ'טאר נישט גיין ד' אמות בגילוי ראש. דער **מג"א** (סי' א' ס"ו) זאגט אז ממידת חסידות גייט מען נישט אפילו ווייניגער ווי ד' אמות בגילוי ראש. ועי' בס' **ברכת הבית** (שער א' סכ"ב) זאגט אז דאס קאפל דארף צודעקן לכל הפחות רוב פונעם קאפ, אבער אויב איז נישט צוגעדעקט רוב קאפ הייסט דאס גילוי ראש. אויך דער **ייטב פנים** (מאמר דורש טוב) זאגט קלאר אז דער אונטערשטער קאפל דארף פארדעקן לכה"פ רוב קאפ.

דער **מהרש"א** (מס' שבת שם) זאגט אז צוויי צודעקן אויפן קאפ, ברענגט מער הכנעה פארן אייבערשטן, דעריבער איז כדאי צוצודעקן דעם קאפ מיט א הוט, אויסערן קאפל.

מ'זאגט נאך פון **הרה"ק רבי יהושע'לע מבעלזא זי"ע** אז **יארמולקא** איז די אותיות פון **ירא מלכא**, ווייל דאס ברענגט צו יראת שמים. און צוויי קאפלעך ברענגט צו די מדריגה פון יראה עילאה און יראה תתאה.

מ'דערציילט אויף **הגה"ק רבי יהודה גרינוואלד זצ"ל אב"ד סאטמאר**, זייענדיג אויף די עלטערע יארן שוואך און קראנק, האט מען אים אמאל געטראפן זיצן אין די ברענעדיגע היצן מיטן אויבער מלבוש און דעם הוט אויפן קאפ, האט מען אים געבעטן אז ער זאל עס אויסטון, האט ער נישט געוואלט, זאגנדיג **"איך האב נישט קיין כח צום לערנען, זאל איך כאטש זיצן מיט יראת שמים פארן הייליגן באשעפער"**...

אין **שו"ת מנחת יצחק** שרייבט אז מ'דארף זיין געווארנט אין מקוה אויסצוטון דאס קאפל די לעצטע פון אלע מלבושים, און אנטון די ערשטע, כדי מ'זאל נישט שטיין קיין איין איבריגע מינוט בגילוי ראש.